ביבליאָטעק „גרינינקע ביימעלעך"
רעדאַגטירט פון ש. באַסטאָמסקי

ל. מלאך

# ראָטשילד

(אַ מעשהלע)

Tartu juudi keskkool
הגמנסיה העברית בדורפט

ווילנע
פאַרלאַג „נייע יידישע פאָלקסשול"
1928

L Maloch

**ROTSZILD** (Pajka)

Drukarnia Notesa i Szwajlicha Wilno, Wileńska 16

Bibliotheca Universitatis Tartuensis
1942:761

# ר אָ ט ש י ל ד.

(אַ מעשה׳לע)

זיבן טויערן, בראָנדז געגאָסן,
יעדער מיט אַ שלאָס פאַרשלאָסן;
יעדער שלאָס האָט זיבן ריגלען, —
קופּער, מעש, ווי בלאַנקע שפּיגלען.

יעדע טיר פון יעדן טויער האָט גע־
פירט אין אַן אַנדער גאָרטן אַריין; איי־
נער—אַ פרוכט־גאָרטן, דער אַנדערער—
אַ רויזנגאָרטן, דער דריטער — פּשוט אַ
וואַלד מיט געדיכטע ביימער, דער פער־
טער — אַ־פּאַרק, אין וועלכן ס׳זיינען
געווען אַלערליי מאַרמאָר־שניצערייען;
דער פינפטער איז געווען אַ גאָרטן בלויז
פאַר קינדער, פאַר די קינדער און איי־
ניקלעך פון דעם, וואָס האָט געוווינט
אין די פּאַלאַצן. דער זעקסטער גאָרטן
איז געווען אַזוי אַלט און געדיכט, אַז
אויף זיינע שטעגן איז זעלטן אַמאָל אַ

מענטשלעכער פוס געטרעטן, און די פּרות זיינען געצייטיקטע אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד און זאַפטיק געמאַכט דעם באָדן. און אויף דעם באָדן, ווו עס זיינען אַראָפּגעפאַלן די געצייטיקטע פּרות, זיינען נייע פרוכטביימער אויסגע־וואַקסן. זיינען זיי געדיכט געווען, איינס אינם צווייטן אַריינגעפלאָכטן, אַזוי ענג, ווי א געפלאָכטענער מויער פון ביימער האָט דאָרט אויסגעזען.

דער זיבעטער גאָרטן איז געווען פול מיט חיות, פויגל און עופות—פון דער פאַרביקסטער פאַווע, ביז דעם מיוסטן ים־חזיר.

און דער, וואָס האָט געוווינט אין די פּאַלאַצן, דער, וואָס האָט געהאַט צו שאַפן איבער די גערטנער, איז אַלע טאָג אויף יאגד געגאַנגען. פאַר פאַרגע־ניגן וועגן האָט ער געשאָסן סיי דעם צאַרטסטן קאַנאַרעק און סיי דעם שטאַרקסטן טיגער.

די פּאַלאַצן אַליין, וועלכע האָבן גע־
האַט בראָנדזענע טויערן און מעש־קו־
פּערנע שלעסער, זיינען געווען געמאַכט
פון לויטער איידלשטיין, ווייסן און
בלויען מאַרמאָר. די טרעפּ — פון רויט
פּאָלירט האָלץ און זיינען געווען באַ־
דעקט מיט טערקישע דיוואַנען, און די
גלעזערנע אָנלענען—מיט טיפן פּלוש.

געהייסן האָט דער, וואָס האָט גע־
וווינט אין די פּאַלאַצן, די שלעסער
און גערטנער, מיטן נאָמען ראָטשילד.
רייך ווי קרח איז ער געווען — און נאָך
רייכער ווי אַלע קייסאָרים צוזאַמענגע־
נומען. די שרים פון די שאַך־קאַמערס
פון די גרעסטע מדינות, האָבן ביי אים
געלט געליען, און די רייכסטע פּריצים
האָבן זייערע פעלדער, וועלדער, דער־
פער און שטעט פאַרזעצט ביי אים.

*

שטייט אַמאָל ראָטשילד ביים פענצ־
טער פון זיין קאַבינעט און קוקט אַרויס

דורך די קריסטאַלענע שויבן אויף די ברייטע אויסגעפלאַסטערטע פּלעצער, וואָס זיינען איינגעטונקט אין בלומען ארום זיין פּאַלאַץ. זיין בליק איז שוין צוגעוווינט צו די גלאַנציקע קאַרעטן אין ווייסע פערד געשפּאַנט און צו די אין ראָז אָנגעטוענע דאַמען און איז סאַמעט געקליידעטע מענער און לוסטי- קע קינדער, וואָס שפּאַצירן צופוס, פאָרן אין קאַרעטעס און רייטן אויף פערד די צייט צו פאַרטרייבן. פּלוצלונג זעט ער: צווישן דער פריילעכער חברה פון זיינע מענטשן שאַרט זיך עפּעס איינער אין אָרעמע אָפּגעריסענע קליידער, מיט באָר- וועסע פיס און א פאַרוואַקסענעם קאָפּ פון האָר און באָרד.

ווערט ראָטשילדס פּנים אַרומגענו- מען מיט שטוינען, ווען ער זעט, ווי דער פרעמדער, דער אָרעמער, שלעפּט זיך צו מיט אונטערגעבראַכענע טריט צו

דער טיר פון זיין פּאַלאַץ־קיך. חידושט זיך ראָטשילד שטאַרק, שטאַרק. ערשטנס: ווי איז מעגלעך, אַ מענטש זאָל זיך אַזוי מבזה מאַכן און טראָגן אויף זיין לייב אַזעלכע צעריסענע בגדים? צווייטנס: ווי אַזוי קאָן זיך דערוועגן אַ מענטש אין אַזאַ הולך צוצוגיין נאָנט צו די טירן פון זיין פּאַלאַץ?

און ראָטשילד איילט מיט שפּאַניקע טריט פון זיין קאַבינעט צו דער טיר פון דער קיך צו זען, וואָס דער פרעמדער—דער אָפּגעריסענער וויל.

און דער אין די צעריסענע קליידער באַגערט איין קלייניקייט: דער קעכער זאָל אים געבן צו פאַרזוכן פון די גוטע מאכלים, כדי זיינע איינגעצערטע קישקעס זאָלן זיך דערנערן.

פאַרדריסט עס ראָטשילדן און ער קאָן נישט סובל זיין, וואָס אַ מענטש פאַרלאָזט זיין אייגן טיש, זיין אייגן היים

און קומט אין פרעמדע קיכן בעטלען א ביסל געקעכטס און א שטיקל ברויט.

פאַרענטפערט זיך דער פרעמדער, אַז ער האָט נישט קיין היים און האָט נישט קיין טיש. ער איז אָרעם אויף דער וועלט און קראַנק דערצו.

ענטפערט ראָטשילד: פאַר אַ נויט טרינקט מען נישט קיין וויין, עסט מען נישט קיין הון־פלייש—אָבער ברויט מיט פוטער און רינד־פלייש קאָן דאָך יעדער האָבן... פאַר הונגער איז דאָך נישט מעגלעך צו שטאַרבן!

וויל דער אָרעמאַן ענטפערן, אַז אַ סך זיינען דאָ, וואָס שלינגען דאָס שפּייעכץ פון דער אייגענער שוין אויסגעטריקנ־טער צונג, כּדי זאָס פאַרחלשטע האַרץ זיך צו דערכאַפּן. נאָר ראָטשילד איז שוין נישטאָ. ער זיצט שוין אין טונקל־ברוינעם עס־זאַל אַרומגערינגלט מיט זיין משפּחה, זאַטע און צופרידענע

און מע זוכט די אַפּעטיטן אויפצורייצן
מיט פאַרשיידענע געשמאַקע פאַרבייסנס.
מע זוכט צו קאָנען וואָס מער און וואָס
בעסער געניסן פון דעם עסן.

און אין געקלאַנג פון זילבערנעם
און גאָלדענעם געשיר הערט מען נישט,
ווי דער פרעמדער—דער אָרעמאַן—גייט
צום ערשטן מאָל אַוועק פון דער פּאַלאַץ-
קיך אַ נישט געגעסענער, ווייל אַזוי
האָט אָנגעזאָגט ראָטשילד צו זיינע
משרתים: ס'איז דאָ גענוג ברויט אויף
דער וועלט, עס קלעקט פאַר אַלעמען,
איינער דאַרף נישט אָנקומען צום צווייטן
בעטן, ביים צווייטן צונעמען... ער קאָן
נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי מע קאָן דאָס
פּשוט הונגערן אויף דער וועלט?...

— — — — — — — — — — — —

*

יעדן טאָג איז ביי דעם ראָטשילדן
אַ טבע-נאָכן עסן אַ זאַטער, אַ צופרי-
דענער, אַראָפּצוגיין אונטן אין זיין שאַ-

קאַמער, איבערצוצײלן די רענדלעך, זײַן עשירות, כּדי צו זען, מיט וויפיל ער איז איבערן טאָג רײַכער געוואָרן.

דער שאַנץ-קאַמער געפינט זיך אין דער טיפעניש פון אַ געמויערטן קעלער. אײַזערנע טרעפּ פירן אַראָפּצו. אונטער גרויסע שטאָלענע שלעסער, געפּאַנצערט און באַשיצט פון אַ פרעמדן אויג, פון אַ צווייטנס רײַך, ליגן די אוצרות: זעק-לעך גאָלד, קעסטלעך דימענטן, שטאַבעס זילבער און פּאַפּיר-געלט גאַנצע הויפנס.

אַז ראָטשילד קומט אַראָפּ אין קעלער, שמייכלען אין אים אַלע זײַנע גלידער. עס קוועלט זײַן נשמה. ער ווייסט, אַז פון נעכטן ביז הײַנט איז ער רײַכער געוואָרן מיט אַ סאַך זעקלעך רענדלעך.

און ווי ראָטשילד גייט אַזוי און טראַכט וועגן זײַן עשירות אינם שאַנץ-קאַמער — פּלוצלונג — טררררראַך! די שווע-רע שטאָלענע געפּאַנצערטע טיר גיט זיך

עפּעס אַ פאַרקלאַפּ. די שליסלען בלייבן
פון דרויסן, ער –אינעווייניק. אַ שרעק
הייבט אָן אַרויסקוקן פון זיינע אויגן.
ער הייבט אָן צו זוכן אַן אויסוועג ווי
אַזוי אַרויסצוגיין. נאָר די שטאַבעס זיל-
בער, די זעקלעך מיט רענדלעך, די
גרויסע פּערל און די בריליאַנטן קוקן
צו אים פון די פּאָליצעס אַראָפּ און בלענדן
אים מיט זייערע פייערדיקע פאַרבן, מיט
זייער מילדן און העלן גלאַנץ; זיי
שמייכלען צו אים און רופן און קלינגען
אין זיינע אויערן אַריין. ער הייבט אָן
פאַרגעסן די געפאַר, וואָס לויערט אויף
אים; און ווי נעכטן, ווי אייערנעכטן
נעמט ער זיך מיט פייער, מיט ברען
איבערציילן די אוצרות. אָבער... אָבער
וואָס איז דאָס? ער ציילט און ציילט אַ
שעה און צוויי, און פינף, און צען שעה.
ער ציילט און ציילט און ס'נעמט גאָר
קיין סוף נישט. עפּעס איז ער פון נעכטן
ביז היינט רייכער געוואָרן אויף צען

מאָל אַזוי פיל, אויף צוואַנציק מאָל, אויף הונדערט מאָל... ניין, אַ סך מערער!..

ער ציילט און ציילט, און וואָס מער ער ציילט, אַלץ מער ווערן די זעקלעך, אַלץ פולער די פּאָליצעס, אַלץ ענגער די קאַסעס און די קאַסטנס. ער ציילט און ציילט און וויל זיך אַליין נישט גלויבן. די שטאַבּעס זילבער זיינען ווי די ביימער, וואָס וואַקסן און וואַקסן מיט גרויס שנעלקייט. פאַר זיינע אויגן ווערן זיי העכער, דיקער און ברייטער. די ווערט־פּאַפּירן וואַקסן שוין ביז דער סטעליע, די פּערל און בריליאַנטן וואַל־גערן זיך שוין אונטער די פיס. ער טרעט אויף זיי, ווי מע טרעט אויף שניי. ניין, ס'איז נישט מעגלעך, אַז ער זאָל עס אינגאַנצן אַליין איבערציילן! ער וועט רופן זיינע זין, זיינע מענטשן, מ'זאָל העלפן. ס'ערשטע מאָל, אַז אַ צווייטער אָטעם זאָל הויכן אָט דאָ אין טיפן קעלער פון זיין שאַץ־קאַמער. אָבער ער מוז,

ער וועט דאָך אַליין נישט איבערציילן
אזא ברכה!..

גייט ער צו צו דער טיר, און — אַך!
דאָ דערמאָנט ער זיך, אַז די טיר איז
גאָר פאַרקלאַפּט. אַ שווייס קומט אַרויס
אויף זיין שטערן. ער קלאַפּט. נאָר דיק
זיינען די ווענט און זיין קול איז ווי
פאַרשלאָסן אין אַ קבר.

*

דאָס לעמפּל, וואָס ער האָט מיטגע־
האַט האָט אָנגעהויבן שוין אויסצוגיין,
קיין שפּאַרע ליכט ס'זאָל פון ערגעץ
אַריינפאַלן, איז נישט מעגלעך געווען.
צו דיק און צו טיף זיינען די ווענט.

פאַרשטייט ראָטשילד, אַז ס'מוז שוין
שפּעטער אָוונט זיין, אָדער גאָר מאָרגן
אין דערפרי, ווייל לאַנג, זייער לאַנג האָט
געדויערט דאָס איבערציילן זיין פאַר־
מעגן, און ערשט האָט ער עס נישט
אינגאַנצן איבערגעציילט.

פילט ער אַ מידקייט אין די ביינער און די אויגן קלעפּן זיך צו. האָט ער נישט קיין אַנדער ברירה ווי זיך צולייגן אויפן פּאָל און כאַפּן אַ דרימל.

דאָס ערשטע מאָל אין לעבן געשלאָפן אויפן האַרטן הוילן פּאָל!

און דער שלאָף איז זייער אַ האַרטער, זייער אַ שווערער. מאָדנע חלומות וועבן זיך אַרום זיינע נערוון; אָט דאַכט זיך אים, אַז אין שאַנק־קאַמער ווערט אַזוי ענג פון גאָלד, אַז עס קוועטשט אים איינגאַנצן צונויף און ס'בלייבט נישט איבער קיין פּיצל אָרט אַפילו דעם אָטעם צו כאַפּן... באַלד דאַכט זיך אים, אַז ס'עפנט זיך דער סופיט פונם קעלער און, אַך, ער וועט ווערן פריי... נאָר פּלוצלונג — אַ רעגן! עס רעגנט מיט צע־גאָסן גאָלד, עס שנייט מיט צעפלאָסן זילבער און ס'האָגלט מיט גרויסע פּערל און דימענטן גלייך אין שאַנק־קאַמער אַריין...

ער כאַפּט זיך אויף, ס'איז פינצטער! אַלץ איז געפרעסט. ער אַליין—איינגע־פרעסט אין גאָלד. די ביינער טוען ווײ, די האַנט איז אָפּגעקוועטשט. ער דער־מאָנט זיך, ווו ער איז, און אַנגסט באַ־דעקט אים. ער שאַרט זיך צו אין דער פינצטער צו דער טיר. ער קלאַפּט און רופט. אָבער זיין קול ווערט איינגע־שלונגען אין דער געפרעסטער שווייגע־ניש פון גאָלד.

אַזוי גייט אַוועק אַ שעה נאָך אַ שעה. ס'איז שוין איין מעת לעת, שוין צוויי מעת לעת און דריי מעת לעת. אויבן, אין די פּאַלאַצן מיינט מען, אַז דער באַלעבאָס איז ערגעץ אַוועקגעפאָרן אויף יאַגד אין טיר־גאָרטן, ווי זיין שטייגער איז געווען, אָדער ער פאַרברענגט ערגעץ מיט אַ פריילעכער קאָמפּאַניע.

אָבער ער איז גאָר אונטן, פאַר־שלאָסן פאַר דער גאַנצער וועלט. דער

הונגער נאָגט אים שטאַרקער און שטאַר־
קער. אַ קלעפּיקע היץ שלאָגט אַרויס
אויף זיין לייב. ביסלעכווייז הייבט ער
זיך אָן צו שפּירן שוואַכער און שוואַ־
כער...

און דאַווקע פאַרמערן זיך די רענד־
לעך, דאָס זילבער וואַקסט און דאָס
האַרץ חלשט. ער וואָלט אַ פּערטחלק
אַוועקגעגעבן, ער זאָל כאָטש קאָנען
האָבן אַ פּראָסט שטיקל ברויט.

אַז ער האָט שוין גאָרנישט קיין כוח
געהאַט דעם אָטעם צו דערהאַלטן און
האָט געפילט, אַז באַלד, באַלד גייט ער
אויס, האָט ער געזען, ווי יענער אָרעמאַן
איז געקומען געקומען אין די צעריסענע
קליידער, מיט די באָרוועסע פיס און איז
געשטאַנען איבער אים און אים אַריינגע־
קוקט אין די שוין באַלד אויסגעלאָשענע
אויגן און געשוויגן.

האָט זיך ראָטשילד ערשט דערמאָנט,
ווי שלעכט עס האָט אים געמוזט זיין, אַז

ער איז געקומען צו יענעם בעטן עפּעס
עסן און ווי ביטער עס האָט אים געמוזט
זיין, אַז ער האָט געמוזט אַ הונגעריקער
צוריקגיין.

און ער טראַכט, אַז נישט נאָר
וואָלט ער איצט ביי פרעמדע קיכן
געבעטן, נאָר וואָלט זיך אויף מיסטן
געוואָרפן אַבי עפּעס געפינען עסן.

דער אָרעמאַן זאָגט גאָרנישט, נאָר
ראָטשילד פילט, ווי יענער וואָלט אים
אַריינגעשטופּט גאָלדענע רענדלעך אין
מויל אַריין; און ער דערהערט זיינע
אייגענע ווערטער:

— פאַר הונגער איז דאָך נישט מעג-
לעך צו שטאַרבן!..

און ראָטשילד איז טאַקע אויסגע-
גאַנגען פאַר הונגער.

Ex bibl. univ. Tart.